בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ב' | פ' כי תבא | י"ג אלול | תשע"א | פסחים: צ"ה.

# באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן נאכמיטאג איז הרה"ג ר' חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א בן האדמו"ר מ'מונקאטש שליט"א געקומען צו מרן רבינו שליט"א לקראת נישואי בנו נ"ו וועלכע'ס קומט אי"ה פאהר די וואך בשטומ"צ.

בביתו נאוה קודש פון מרן רבינו שליט"א איז נעכטן נאכט פאהרקומען דער ווארט-תנאים פון המחותנים מוה"ר הערשל פריעדמאן הי"ו פון קרית יואל – אבי החתן, און מוה"ר אליעזר ווייס הי"ו מראה"ק קרית יואל – אבי הכלה, ווי דער רבי שליט"א האט געליינט דעם תנאים.

•

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה - שיעור ג' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן העסקן הרב נפתלי משה אינדיג הי"ו פון וויליאמסבורג, און הב' בן מוה"ר אברהם יושע פאליק פאלקאוויטש הי"ו פון וויליאמסבורג.

•

## שמחת הברית בחצרות קדשינו אין בארא פארק

היינט אינדערפרי' איז בבית מדרשינו הגדול אין בארא פארק פאהגעקומען דער ברית לבן הנולד להרה"ג ר' יואל האלבערשטאם שליט"א,בן הגה"צ ר' יקותיאל זלמן שליט"א מ'טשאקאווע, וחתן הגה"צ גאב"ד דקהלתינו בארא פארק שליט"א.

אלס מוהל האט געדינט דער זיידע הגה"צ דער בארא פארק'ער רב שליט"א, און אלס סנדק איז מכובד געווארן דער זיידע הגה"צ מ'טשאקאווע שליט"א. מיט'ן כיבוד הבא אל הכסא איז מכובד געווארן הרה"ג ר' יוסף טייטלבוים שליט"א אב"ד נעפלימיץ, און הבא מן הכסא הרב אלי' גרויס שליט"א.

מיט סנדק מעומד איז מכובד געווארן הרה"ג ר' חיים יעקב רובין שליט"א מ'ציעשנוב וראש ישיבתינו ב"פ, און מיט די ברכות וקריאת השם איז מכובד געווארן הגה"צ אב"ד קהלתינו וויליאמסבורג שליט"א.

ויקרא שמו בישראל חיים יהודה, חיים נאכ'ן עלטער זיידער הגה"צ מ'דיערעש ז"ל און יהודה נאכ'ן הייליגן ייטב לב זי"ע וואס דאס רך הנימול איז געבוירן געווארן ביומא דהילולא קדישא שלו.

מיט'ן זמר "יום ליבשה" ביי די סעודה איז מכובד געווארן הר"ר חיים שלום האלבערשטאם שליט"א, און מיט ברכהמ"ז איז מכובד געווארן הרה"ג ר' יקותיאל יודא מייזליש שליט"א דומ"ץ בקהלתינו הק' ב"פ.

***-כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה לחופה ולמעש"ט-***

## הכנסת ספר תורה צום היכל ישיבתיה"ק בארא פארק

היינט נאכמיטאג וועט אי"ה פאהרקומען דער פייערליכער מעמד הכנסת ספר תורה צום היכל ישיבה גדולה ויואל משה בארא פארק אין סיגעיט, וועלכע'ס ווערט ארייגעגעבן דורך די בחורי חמד תלמידי הישיבה שיחיו.

כ"ק מרן רבינו שליט"א וועט אי"ה פערזענליך באשיינען דעם מעמד הכנס"ת. די סיום כתיבת האותיות וועט אי"ה פאהרקומען בבית מוה"ר ראובן יואל הארפענעס הי"ו פון ווי דער ספר תורה וועט אי"ה ארויסגיין אום 5:00 נאכמיטאג, און וועט אי"ה ארייגעפירט ווערן אין בנין הישיבה ברוב פאר והדר.

***-ששו ושמחו בשמחת התורה-***

היינט אויפדערנאכט וועט אי"ה זיין זמני כניסה ביי מרן רבינו שליט"א אין וויליאמסבורג פון 8:00 ביז 10:00 אזייגער פונקטליך.

## שמחת הבר מצוה בבית הגה"צ אב"ד קהלתינו לאנדאן שליט"א

היינט - מאנטאג אווענט קומט פאהר אין לאנדאן די שמחת הבר מצוה פון בן הגה"צ אב"ד ור"מ דקהלתינו שליט"א, הבחור יחזקאל נ"ו, מחשובי תלמידי ת"ת תורה ויראה שע"י קהלתינו הק', ווי א גרויסארטיגע סעודה ווערט צוגעגרייט בבית מדרשינו הגדול, וועלכע ווערט ספעציעל אויסגעשטעלט צום שמחת הבר מצוה.

ביי דעי שמחה זענען ערווארטעט אנטייל צו נעמען, אנשי שלומינו, ותושבי עירינו, און רבנים חשובים פון אלע שיכטן און קרייזען, וועלכע וועלן זיך אלע מיטפרייען בשמחתו פונעם רב שליט"א אזוי אויך וועט אנטייל נעמען, די שווער פונעם רב שליט"א, הגה"צ אבדק"ק ראחוב בני ברק שליט"א.

***-ומשפע מצות תפילן יתמשך עלי-***

## שירו לו שיר...

**הננו בזה להביע ברכתוני מאליפות מעומק לבבינו מול פני האי גברא יקירא, עוסק בצרכי ציבור בנאמנות תדירא, ה"ה כש"ת**

**מוה"ר שלום אליעזר פראנקל הי"ו**

**גזבר קהלתינו הק'**

לרגל תת ה' שמחה במעונו בנישואי בתו הכלה החשובה תחי'

**ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא שיזכה להמשיך בפעלתיו הטובים והמרובים רבות בשנים מתוך הרחבת הדעת בבריות גופא ונהורא מעליא, עדי שנזכה לקבל פני משיח צדקינו ומלכינו מרן רבינו שליט"א בראשינו בב"א.**

**כעתירת וברכת**

***חברי מערכת בחצרות סאטמאר***

# מוסד הק' נטרונא ווידער מקיים דעם "מקדש שם שמים בגלוי"

דער הייליגער און ברייט-בארימטער מוסד נטרונא איז אין די טעג אריינגעשפרונגען אין א קאסטבארע אונטערנעמונג פון לופטערן טייערע ראדיא מעסעדזשעס אויף די גרעסטע מידיא נעטווארקס איבערן לאנד, אויפצוקלערן קבל עולם ומלואה אז מיר זענען יא געטרייע בירגער! וואס זענען מקיים דעם דרשו את שלום העיר, און נישט חלילה קיין פאררעטער און מתגרים באומות.

בייגעלייגט איז א לינק צו הערן די רעקלאמע וואס לויפט אין די טעג.

דער נוסח פונעם רעקאלמע איז פראפאסינעל אויסגעארבעט געווארן דורך מומחים אויף דעם געביט, און איז באזירט אויף די עצת החכם הזקן – די ווערטער פון רבינו הקדוש זי"ע בעל דברי יואל, וואס ער האט געשריבען אינעם בריוו, פארן פרעזידענט פון מאראקא.

ווי פארשטענדליך זענען די 'מינוטן' רעקלאמעס אויף די ראדיא סטאנציעס גאהר טייערע אין אזעלכע היציגע וואל סעזאנען, ובפרט יעצט ווען עס איז 90 סעקונדעס, און וועט אויך געהערט ווערן און-ליין ביי די וועב-זייטעל פון WABC נייעס אגענטור וואס האט מיליאנער באזיכער טעגליך.

אבער צו די זעלבע צייט טראגט דאס א דאפלטע ווערד, צוליב וואס די מעסעדזשעס וועלכע לויפן אינצווישן די אנדערע פאליטישע וואל פראגראמען וואס ווערן אויסגעהערט דורך א פילפאכיג גרעסערער ציפער פון צוהערער וואס זיצן צוגעשמידט, און ברענגט ווי פארשטענדליך א ברייטערן אפקלאנג און שטארקערן פארשפרייטונג פון די מעסעדזשעס.

און נאך מער, יעצט מער ווי אלעמאל, זענען אויגען פון די נאציאנאלע פרעססע געווענדען צו די אידן פון ברוקלין, וואסערע מעסעדזש זיי שיקן פארן פרעזידענט, אין אנדערע ווערטער ווערט דאס באטראכט, ווי א רעפערענדום פון ארטאדאקסישע אידן אין ניו יארק סיטי, צי זיי זענען גענוג צופרידן פונעם פרעזידענט'ס געטריישאפט פאר איזראעיל, און צו אידן זענען גרייט איבער צו לאזן זייערע אייגענע פערציפן, [זייענדיג מייסטענס דעמעקראטיש געשטימט] צו דערלאנגען פארן פרעזידענט א פארציע.

דבר בעיתו מה טוב- עס אייביג שווער אריינצוריקען דעת תורה הצרופה אין די מידיא, איינע פון די טעמים איז, ווייל די דשורנאליסטען זיכען דייקא "דברים העומדים על הפרק" ברענענדיגע אקטועלע נייעס, בפרט פון מענטשען הקרובים אל החלל, – אבער – ביי די היציגע ברוקלינער וואלן פארמעסט – זאגען אלע פובליק רילעישאן עקספערטן – האט דאס אלע כללי הפירסום, זייענדיג א ברוקלינער ארגענאזאציע פון ארטאדאקסישע אידן – וואס אט דאס וויל מען יעצט הערן, ממילא איז דאס א גאלדענע געלעגנהייט, וואס לאו כל יומא מתרחש, אז עס זאל בעז"ה אויפגעכאפט ווערן ביי די פרעססע און האבן א מעכטיגען אפקלאנג, סיי די פרטיות'דיגער מעסעדזש איבער די וואלן, און סיי די כלליות'דיגער מעסעדזש, דעת תורה הצרופה וואס איז נוגע פאר די יו-ען אפשטימונג סעפטעמבער 20.

אלזא טייערע אידן, יעצט רעדט מען אין אייער נאמען! יעצט וויל די פרעססע הערן וואס איר האט צוזאגען! נטרונא איז יעצט מפרסם וואס איר ווילט עס זאל געהערט ווערן, קאלט ביטע יעצט אריין מיט אייער באשטייערונג פון 550 לזכות פאר איין מינוט רעדיא –

קאלט אריין די נטרונא קאמפיין נומער אויף:

718-887-9339

אגב, איז כדי אנצומערקען אז די מינוט'ן ראדיא קאסט אונז פיל מער ווי די אויבערדערמאנטע סכום, אבער מיר האבן יעצט פארשאפט א נדבן – וואס קומט אקעגן מיט די נויטיגע פאנדען, פאר יעדע מינוט – וואס ווערט פארשאפט- נעמט אין באטראכט, די מצוה איז יעצט א דאפעלטע, די חשובע נדבה, ווי אויך די גדול המעשה יותר מן העושה.

***-ברוך מקדש שמו ברבים – וזכות הרבים תלוי בכם!-***

**פאלגענד איז א טיילוויזע רשימה פון די פלאנירטע עד-סקעדשול'ס אויף די WABC 770 סטאנציע:**

| Advertiser | Air Date | Air Time | Spot | Len | Product | Ln StartTime | Ln EndTime |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| TRUE TORAH JEWS | 9/11/2011 | 4:48:30PM | 1 | 90 | TRUE TORAH SEPTEMBER | 6:00:00AM | 12:00:00AM |
| TRUE TORAH JEWS | 9/11/2011 | 8:48:00PM | 1 | 90 | TRUE TORAH SEPTEMBER | 6:00:00AM | 12:00:00AM |
| TRUE TORAH JEWS | 9/12/2011 | 12:18:00PM | 1 | 90 | TRUE TORAH SEPTEMBER | 6:00:00AM | 12:00:00AM |
| TRUE TORAH JEWS | 9/12/2011 | 1:32:00PM | 1 | 90 | TRUE TORAH SEPTEMBER | 6:00:00AM | 12:00:00AM |
| TRUE TORAH JEWS | 9/12/2011 | 2:32:00PM | 1 | 90 | TRUE TORAH SEPTEMBER | 6:00:00AM | 12:00:00AM |
| TRUE TORAH JEWS | 9/13/2011 | 12:18:00PM | 1 | 90 | TRUE TORAH SEPTEMBER | 6:00:00AM | 12:00:00AM |
| TRUE TORAH JEWS | 9/13/2011 | 1:32:00PM | 1 | 90 | TRUE TORAH SEPTEMBER | 6:00:00AM | 12:00:00AM |